# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תשא, פרשת פרה, י"ח אדר, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 25 (439)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................6:46
מוצאי שב"ק......................8:15

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..................יהושע כ"א-כ"ב
בבלי..............................שבת ח'
ירושלמי.................פסחים ל"ו
תוספתא....................טהרות י'
רמב"ם............מלוה ולווה י"ח

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת

ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה – עֶר חַזְר'ט זִיךְ אַיין: 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אַלְץ מֶער וֶוערְט עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לַיידְן פוּן פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וָואס מֶען רוֹדְפְ'ט זִיךְ אַלֵיין; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנ): אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן אוֹיסְטְרַאכְטְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען; עֶר רוֹדְפְ'ט זִיךְ אַלֵיין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ הַאק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיפְאַקֶערְן בַּיי זִיךְ דִי עֶרְד; טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'ווִי קֶען אִיךְ שַׁאפְן אַ הַאק?' אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ אַז זַיין שָׁכֵן הָאט אַ נֵייעֶ הַאק, עֶר וֶועט אִים בֶּעטְן צִי עֶר קֶען אִים עֶס בָּארְגְן. אַזוֹי טְרַאכְטְנְדִיג הֵייבְּט עֶר אָן אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶער שָׁכֵן וֶועט אִים דָאךְ עֶס זִיכֶער נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן, אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין נָאךְ דִמְיוֹנוֹת, עֶר הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּ קָאכְן אוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן: 'פַארְוָואס אִיז עֶר אַזַא שְׁלֶעכְטֶער, וָואס גֵייט אִים אָן מִיר צוּ בָּארְגְן זַיין הַאק?!' בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי בְּכַעַס אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן צוּם שָׁכֵן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים: "הַאלְט דִיר דַיין הַאק, מוֹחֵל טוֹבוֹת, הַאק דִיר אָפּ דַיין קָאפּ מִיט דַיין הַאק!" דֶער שָׁכֵן קוּקְט אוֹיף אִים, אוּן פְרֶעגְט אִים: "ר' אִיד, וָואס שְׁרֵייט אִיר אַזוֹי, וָואס הָאט פַּאסִירְט, מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" דֶער שָׁכֵן קוּמְט דָאךְ פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', שְׁרֵייט עֶר צוּרִיק: "מַאךְ דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט; 'מִיט וָואס קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן' פְרֶעגְסְטוּ? אִיךְ בֶּעט דִיר אַ גַאנְצֶע נַאכְט דַיין הַאק, וָואס בִּיסְטוּ אַזַא שְׁלֶעכְטֶער, וָואס גֵייט דִיר אָן מִיר עֶס צוּ בָּארְגְן?!"

דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט טָאג טֶעגְלִיךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן; מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען טְרַאכְט זִיךְ אוֹיס אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.), אָבֶּער הַיינְט – זָאגְט דֶער רֶבִּי – דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ נֵייעֶם נָאמֶען: "כֹּחַ הַמְדַמֶּה", ווַייל עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט; נָאכְדֶעם, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ וֶוערְן אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן 'קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט וְכוּ', אוּן בֶּאֱמֶת קוּמְט אַלֶעס פוּן דִמְיוֹנוֹת.

דֶערְפַאר, אַז אַ מֶענְטְשׁ חַזְר'ט זִיךְ אַיין דִי אֱמוּנָה, עֶר זִינְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער: 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן', 'קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גוּטְס טוּן', אִיז עֶר אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשע"ז)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חֲבֵרִים

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַלֵיין, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, אַזוֹי וַוייט אַז דִי חַזַ"ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (תַּעֲנִית כ"ג.) "אוֹ חַבְרוּתָא אוֹ מִיתוּתָא" - אָדֶער הָאט מֶען חֲבֵרִים, אָדֶער ווִינְטְשְׁט מֶען זִיךְ דֶעם טוֹיט ח"ו. דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע גֶעבְּרוֹיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט צוּ הָאבְּן חֲבֵרִים, וַוייל אָן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן.

מֶען דַארְף אָבֶּער אוֹיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט חֲבֵרִים. חֲבֵרִים אוּן גוּטֶע פְרַיינְד זֶענֶען טַאקֶע זֵייעֶר גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף אַ חַבֵר בְּלִינְדֶערְהֵייט. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט מֵיינְט זִיךְ, יֶעדֶער זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אוּן אֲפִילוּ דַיין בֶּעסְטֶער פְרַיינְד אִיז אוֹיךְ נָאר אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה. ווִי לַאנְג עֶס אִיז גֶעשְׁמַאק אִינְאֵיינֶעם וֶועט עֶר טַאקֶע זַיין דַיין חַבֵר, אָבֶּער אִין דִי מִינוּט וָואס עֶס וֶועט אִים אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְטוּ נִישְׁט ווִיסְן וָואס עֶר וֶועט דֶעמָאלְטְס טוּן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען דַארְף הַאלְטְן אָפְן דִי אוֹיגְן אוּן קֵיינְמָאל קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן בְּלִינְדֶערְהֵייט.

דָאס אִיז גָאר אַ ווִיכְטִיגֶער כְּלַל וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּז ווִיסְן כְּדֵי צוּ קֶענֶען דוּרְכְגֵיין זַיין לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט. מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף חֲבֵרִים בְּלִינְדֶערְהֵייט, וֶוערְן נָאכְדֶעם זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט. דֶער חַבֵר וֶועמֶען מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטְרוֹיעט, אוּן יֶענֶער הָאט מַמָשׁ צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט הֶעלְפְן; דֶער זֶעלְבֶּער אִיז גָאר דֶער עֶרְשְׁטֶער דִיר צוּ בַּאגְרָאבְּן וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער אַזוֹי.

פַארְלָאזְן קֶען מֶען זִיךְ נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיף מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן, אַזוֹי ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים ס, יג) "וְשָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם" - סְ'אִיז פַאלְשׁ צוּ וַוארְטְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן אַ מֶענְטְשׁ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַיין אַז סְ'אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן; זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי ווִילְן נִישְׁט, אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הֶעלְפְן; אַלְץ מֶער עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף זַיין מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הוֹיבְּט אָן מֶער אוּן מֶער צוּ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס

<<<<<<

## א גוט ווארט

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, דוּ קֶענְסְט נָאךְ וֶוערְן נָאכְאַמָאל רֵיין; גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, פְּרוּבִּיר נָאכְאַמָאל צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, קוּק נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז אֲפִילוּ מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג.

אַזוֹי ווִי עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דִי צַדֵיקֶת אָדְל - דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט מִיט נָאךְ אַפָּאר פְרוֹיעֶן, אִינְמִיטְן וֶועג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ גָאס רֶעגְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶע בְּלָאטֶע אוּן אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען גֶעוָוארְן פַארְשְׁמִירְט פוּן דִי בְּלָאטֶע, נָאר אָדְל אִיז גֶעבְּלִיבְּן זוֹיבֶּער, אֲפִילוּ אִיר שִׁיךְ אִיז גֶעבְּלִיבְּן רֵיין; דִי פְרוֹיעֶן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזַא רוּאִיגְקֵייט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין אִין בְּלָאטֶע אוּן דָאךְ בְּלַייבְּן זוֹיבֶּער, הָאט אָדְל זֵיי גֶעזָאגְט: "מַיין גְרוֹיסֶער טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - הָאט מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אִין בְּלָאטֶע זָאל מֶען קֶענֶען בְּלַייבְּן רֵיין אוּן זוֹיבֶּער."

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תש"פ)

## בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# ס'פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דִינְגֶען טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן מִיט אֵייעֶר זוּן, הַחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר; אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶע שְׁנוּר פַאר אַ כַּלָה, אַ תַּלְמִידָה פוּן בֵּית פֵיגָא. אַ כַּלָה מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַ כַּלָה וָואס צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס מִיט צְנִיעוּת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי זֵיי אוּן בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט אֵייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

אַז דִי חֲתוּנָה וֶועט פָארְקוּמֶען מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אִין יְשִׁיבָה פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס קַיין טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער אָנְצוּטוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ'; עֶס קְלֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן פְּלַאץ, אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ קוּמְט מֶען אָנְגֶעטוּן מִיט שֵׁיינֶע אֵיידֶעלֶע פָּשׁוּטֶ'ע קְלֵיידֶער, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ דִינְגֶען קְלֵיידֶער פַאר דִי פָּאר שָׁעָה.

אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת זֶעט מֶען אַז דָאס אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי פָּאר שָׁעָה אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין אִידִישֶׁע מִנְהָג; עֶס הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעכַאפְּט פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, אָנְצוּטוּן פַאר דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער פַאר דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער, עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי קְהִלָּה דָאס וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען, אִיר וֶועט זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל צוּ וַוייזְן פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת וִוי אַזוֹי מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, אָן קַיין זַייטִיגֶע זַאכְן נָאר טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יִתְרוֹ תש"פ)

>>>>>>
שְׁטֵייט אִים צוּ דִי הַאנְט אוּן אִיז אִים גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין. דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער "שָׁ'וְא תְּ'שׁוּעַת אָ'דָם" אִיז דִי זֶעלְבֶּע רָאשֵׁי תֵּיבוֹת וִוי דִי וֶוערְטֶער "אֲ' שְׂ'פָתַי תִּ'פְתָּח". דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דֶעם אַז וִוי מֶער מְ'זֶעט וִוי פַאלְשׁ סְ'אִיז זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף דִי הִילְף פוּן מֶענְטְשְׁן, אַלְץ מֶער רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז בַּיי אַלֶע סָארְט זַאךְ אַזוֹי אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, סְפֶּעצִיעֶל זֶעט זִיךְ עֶס אָבֶער מֶער אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אָנְוָוארֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי גֶעלְט, נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אִידִישׁ גֶעלְט. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָבֶער זֵייעֶר נִישְׁט פָארְזִיכְטִיג בַּיי דֶעם, וֶוען עֶס קוּמְט אֵיינֶער וָואס זָאגְט צוּ גָאלְדֶענֶע גְלִיקְן אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן בַּיי אִים דָאס גֶעלְט, עֶר זָאגְט צוּ אַז מֶען וֶועט מַאכְן דֶערוֹיף טָאפְּלְט אוּן טְרִיפְּלְט, טְרַאכְט מֶען נִישְׁט צְוֵויי מָאל אֵיידֶער מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַוֶועק דָאס גַאנְצֶע אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט. אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער קַיין לַאנְגֶע צַייט אוּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט אִיז שׁוֹין פַארְלוֹירְן אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אוֹיסְגֶעזֶעקְלְט אִינְגַאנְצְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס מֶען קֶען נָאךְ מֶעגְלִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען פוּן יֶענֶעם, אִיז נָאר אַז עֶר וֶועט דִיר אֶפְשָׁר אִיבֶּערְבֶּעטְן...

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס פְלֶעגְט אַרוֹיסְפָארְן יֶעדֶעס יָאר קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן גֶעלְט. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ סְכוּם פוּן פִינְף טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן דַאן אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים אִיבֶּערְגֶערֶעדְט אַז עֶר זָאל אַיינְלֵייגְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט בַּיי אִים, אוּן עֶר וֶועט דָאס צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן, פִיל מֶער פוּן דִי גֶעלְט וָואס עֶר לֵייגְט אַיין. דֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט אִיבֶּער רֶעדְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מְצִיאָה וָואס אִיז אִים אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט אַהִינְגֶעגֶעבְּן פַאר יֶענֶעם זַיין גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט. נָאךְ מֶער אִיז עֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ חוֹדֶשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אִים שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשִׁיקְן דִי חוֹדֶשׁ'לִיכֶע סְכוּם וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר בַּאקוּמֶען דִי צְוֵוייטֶע חוֹדֶשׁ, אוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען גָאר גְרוֹיס. אָבֶער דָא הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט... וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם דְרִיטְן חוֹדֶשׁ הָאט אִים יֶענֶער קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעזֶעצְט דֶעם גַאנְצְן גֶעשֶׁעפְט; עֶס טוּט אִים זֵייעֶר לַייד, אָבֶער דָאס גֶעלְט אִיז מֶער נִישְׁט דָא צוּ בַּאקוּמֶען. אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעבְּלִיבְּן בְּעֵירוֹם וּבְחוֹסֶר כֹּל.

וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בֵּיישְׁפִּיל אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הַאלְט אִין אֵיין וָוארֶענֶען אוּן חַזֶר'ן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען קֶען נִישְׁט גֶעטְרוֹיעֶן קַיין מֶענְטְשְׁן, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט זַאכְן. דָאס אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע גֶעלְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל בְּלוֹיז שְׁפִּילְן מִיר דִיר.

דָאס אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס גֶעשֶׁעט זֶעלְטְן, דָאס אִיז אַ טָאג טֶעגְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג אַז מֶענְטְשְׁן וֶוערְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין אַזַא סָארְט פַּאסְטְקֶע. עֶס זֶענֶען דָא גֶערִיבֶּענֶע שְׁוִוינְדְלֶער וֶועלְכֶע גֵייעֶן אַרוּם צוּ פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אַיינְשְׁטֶעקְן דָאס גֶעלְט בַּיי זֵיי, וֶועט מֶען מַאכְן אוֹיף דֶעם גְרוֹיס גֶעלְט. אוּן וֶוען דֶער שְׁוִוינְדְלֶער הָאט שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶענוּג פִישׁ אִין זַיין נֶעץ, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעקְלִיבְּן גֶענוּג אוּן נָאךְ גֶעלְט, דַאן הוֹיבְּט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן אַנְטְלוֹיפְט דֶערְמִיט, אוּן עֶר רוּפְט אוֹיס אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט אָנְגֶעזֶעצְט אוּן עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דָאס גֶעלְט.

מֶען דַארְף פָּשׁוּט נוּצְן אַבִּיסְל דֶעם שֵׂכֶל אוּן אַרַיינְקְלֶערְן אַז אוֹיבּ אַ פְּרִיוַואטֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר קֶען גֶעבְּן מֶער פְּרָאצֶענְט פוּן וִויפִיל דִי בַּאנְק גֶעבְּט, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ לִיגְנֶער. דָאס שְׁמֶעקְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן קַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט יֶענֶער אָנְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיין פָּנִים, אוּן עֶרְלִיךְ אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צָאלוּנְגֶען, אוּן מִיט דֶעם גֶעבְּן דֶעם גֶעפִיל אַזוֹי וִוי אַלֶעס פַּארְט אוֹיף דִי גוּטֶע דִירֶעקְצְיֶע. דָאס אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דֶער שְׁפִּיל פוּן דִי לָאטֶערִיעֶס אוּן דִי גֶעמְבְּל-שְׁפִּילְן, וואוּ דִי גֶעלוּנְגֶענֶע שְׁוִוינְדְלֶער זֶעעֶן דֶערְצוּ אַז אִין אָנְהוֹיבּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס קְלֵיינִיקֵייטְן, אוּן דָאס זָאל גֶעבְּן דֶעם אַפֶּעטִיט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַרַיינְצוּלֵייגְן נָאךְ אוּן נָאךְ גֶעלְט, זֵיי זָאגְן אִים: "דוּ זֶעסְט דָאךְ וָואסֶערֶע גוּטֶע מַזָל דוּ הָאסְט אַז דוּ פַארְדִינְסְט פוּנֶעם גֶעשֶׁעפְט, יֶעצְט לֵייג אַרַיין דַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ מַאכְן דֶערוֹיף כֵּפֶל כִּפְלַיִם"... אוּן דֶער נַאר אִיז דֶער וָואס פַאלְגְט זֵיי אוּן לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אוּן דָארְט עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה...

אוּן צוּמָאל גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער. זֵיי קֶענֶען זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז עֶס גֵייט אַזוֹי, אַמָאל פַארְדִינְט מֶען אוּן אַמָאל פַארְלִירְט מֶען. פְּרוּבִּיר נָאךְ אֵיין מָאל אוּן דַאן וֶועסְטוּ צוּרִיק מַאכְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע פַארְדִינְסְטְן", אוּן דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן עֶר בָּארְגְט זִיךְ נָאךְ אָן פְרִישֶׁע גֶעלְטֶער מִיט דִי הָאפְנוּנְג אַז נָאכְדֶעם וֶועט עֶר אַלֶעס קֶענֶען אָפְּצָאלְן אוּן עֶס וֶועט אִים נָאךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְבְּלֵייבְּן אִין דִי זַייט. אוּן וִוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ פַארְלִירְט עֶר אוֹיךְ דִי גֶעבָּארְגְטֶע גֶעלְט, אוּן יֶעצְט אִיז עֶר שׁוֹין אוֹיךְ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב צוּ זַיינֶע אַלֶע צָרוֹת. עֶר קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט טְרֶעפְן זַיינֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת.

אוּן אִינְצְוִוישְׁן, וִוי לַאנְג מֶען דְרֵייט זִיךְ אַרוּם צוּ בָּארְגְן פוּן דֶעם אוּן בַּאצָאלְן פַאר יֶענֶעם, קוּמְט שׁוֹין אָן דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת אוּן מֶען לִיגְט שׁוֹין אוֹיפְ'ן בֵּית עוֹלָם. עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקוּנֵי זוֹהַר (תִּקּוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים) אַז גֶעלְט שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס הַרְגְ'ט אִים אָבֶּער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז נָאר וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מֶענְטְשְׁן, מֶען הָאט נָאר בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל נָאר אוֹיף אִים קֶען מֶען זִיךְ אֱמֶת'דִיג פַארְלָאזְן.

## חֲבֵרִים פוּן דִי גְמָרָא

אִין אוּמַאן הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מַתִּתְיָהוּ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט אַז וֶוען עֶס אִיז אוֹיף אִים דוּרךְ אַ שְׁוֶועריקֵייט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אַ צָרָה, פְלֶעגְט עֶר אִינְמִיטְן לֶערְנֶען זָאגְן: "אָמַר רָבָא, אָמַר רָבָא, רָבָא, רָבָא, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס אוּן בֶּעט פַאר מִיר אַז אִיךְ זָאל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה. אָמַר אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, אַבַּיֵי, הֶעלְף מִיר אַרוֹיס מִיט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם". אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וֶוען עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַ נָאמֶען פוּן תַּנָּא אָדֶער אַמוֹרָא, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן יֶענֶעם אַז עֶר זָאל אִים קוּמֶען צוּ הִילְף. דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן דָאס צוּגֶעקוּקְט הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר רֶעדְט מַמָּשׁ צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס וֶוערְן דֶערְמַאנְט אִין דִי גְמָרָא. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין יְרוּשַׁלְמִי אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה דַארְף עֶר זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָּא אָדֶער אָמוֹרָא שְׁטֵייט אִים פַאר דִי אוֹיגְן.

דָאס זֶענֶען יָא גוּטֶע חֲבֵרִים. אַ מֶענְטְשׁ וָואס זוֹכְט אֱמֶת'עֶ חֲבֵרִים קֶען נֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָדֶער גְמָרָא זָאל עֶר שְׁפִּירְן וִוי דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זַיינֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אוּן זֵיי וֶועלְן אִים טַאקֶע זִיכֶער הֶעלְפְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, צַדִּיק ח"ב אוֹת כ') אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים הֶעלְפְט דָאס אַז מֶען זָאל קֶענֶען בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת מַמָּשׁ שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעמַאכְט אַ סֵפֶר "שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים" וואוּ עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע צַדִּיקִים צוּ זָאגְן זֵייעֶרֶע נֶעמֶען אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן דוּרךְ דֶעם. אָבֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען בַּאגֶעגֶענְט זִיךְ מִיט נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים, אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע חָשׁוּב, אוּן מֶען קֶען דָאס אוֹיסְנוּצְן אוֹיף זִיךְ אוֹיסְצוּבֶּעטְן אַ <<

>>>>>>

יְשׁוּעָה.

אִין חַזַ"ל װערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אָנְגערוּפְן אַ "חָבֵר" (עַיֵּין בְּמַסֶּכֶת דְּמַאי וּבְעוֹד הַרְבֵּה מְקוֹמוֹת). דָאס מֵיינְט אַז אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ צַדִּיק אִיז דֶער בֶּעסְטֶער חַבֵר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. װען אַ אִיד אִיז נָאנְט מִיט אַ צַדִּיק, דַאן הָאט עֶר אַ רִיכְטִיגֶער חַבֵר וָואס װעט אִים אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לֶעבְּן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ס"ג:) זֵייעֶר הַארְבּ אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר אוּן נִישְׁט אַלֵיין. פוּן דֶעסְט װעגְן הָאט מִיר גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אַז זֵיי זֶענֶען גֶעװען פַארְשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים אוּן יָא גֶעלֶערְנְט אַלֵיין. דָאס אִיז גֶעװען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים אוּן אֲמוֹרָאִים אַלְס חֲבֵרִים. סְ'אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים פוּן דֶעם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ נָאר צוּ דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן נֶעמְט זֵיי אַלְס חֲבֵרִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ גֶעטְרוֹיעֶן אוּן זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיף סְתַם חֲבֵרִים װעלְכֶע קֶענֶען אִים זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ה' עֶרֶךְ חֲבֵרִים וְחֵלֶק ג' עֶרֶךְ בִּטָּחוֹן)

# דִי לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (נז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין טְבֶרְיָה.**

**רנז**

װען דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעװען אִין טְבֶרְיָה, הָאט זִיךְ דַאן אָפְּגֶעשְׁפִּילְט דִי בַּאקַאנְטֶע מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן מָסוּר וָואס אִיז גֶעװען דָארְט אִין שְׁטָאט.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעװען אַז אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט חַנְפְ'נֶען צוּם אָרְטִיגְן פַּאשָׁא, אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ מָסוּר רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר הָאט גֶע'מַסְרְ'ט פִילֶע מֶענְטְשְׁן צוּם פַּאשָׁא, אוּן עֶר הָאט אָפְּגֶעטוּן גָאר אַסַאךְ צָרוֹת פַאר דִי אָרְטִיגֶע אַיינְוואוֹינֶער.

דוּרְךְ זַיינֶע מְסִירוֹת זֶענֶען פִילֶע חָשׁוּבֶע אִידְן אַרֶעסְטִירְט גֶעוָוארְן אוּן הָאבְּן גֶעשְׁמַאכְט אִין אַ שְׁװערֶע טוּרְמֶע, אִין אַ טִיפְן גְרוּבּ, פַאר נַיין וָואכְן, בִּיז װען דִי סְפָרַדִּ'ישֶׁע אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם פַּאשָׁא אוּן בַּאצָאלְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר בַּאפְרֵייט דִי אִידְן.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעכַאפְּט דֶעם מָסוּר, אוּן אִים גֶעוָואלְט דֶערְשְׁטִיקְן צוּם טוֹיט, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעמַאכְט אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעװעקְט אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'מַסְרְ'ט, בִּיז עֶר הָאט בַּאקוּמֶען רְשׁוּת פוּנֶעם פַּאשָׁא אַז עֶר קֶען טוּן מִיטְ'ן שְׁטָאט וָואס עֶר וִויל, עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֶערְשֶׁער אִיבֶּער דִי שְׁטָאט.

עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, מִיט אַרַאבִּישֶׁע סָאלְדַאטְן וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט מִיט גְרוֹיס גְדוּלָה אוּן כָּבוֹד, אוּן גְלַייךְ זֶענֶען אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט אַנְטְלָאפְן, סְ'זֶענֶען נָאר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן דִי פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער. סְ'גֶעװען דָארְט גְרוֹיסֶע וַויינֶערַייעֶן אִין יֶעדֶע הוֹיז, סְ'אִיז גֶעוָוארְן מַמָּשׁ אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט אַנְטְלוֹיפְן, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט וַוייל עֶר אִיז גֶעװען זֵייעֶר פַארְשְׁלַאפְט אוּן שְׁוַואךְ. עֶר הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּגֵיין אָבֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁוַואכְקֵייט וָואס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט צוּרִיק קֶערְן.

דָאס אִיז אָבֶער גֶעװען אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט אַנְטְלָאפְן, וַוייל דוּרְךְ דֶעם הָאבְּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט צוּרִיק קוּמֶען, וַוייל דֶער מָסוּר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מַכְנִיעַ גֶעװען פַארְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אַרִיבֶּער גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה. אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק עֶר זָאל גֵיין אוֹיסְרוּפְן אִין שְׁטָאט אַז יֶעדֶער זָאל צוּרִיק קוּמֶען.

דֶער רֶבִּי אִיז זִיךְ אוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶער מָסוּר הָאט זִיךְ אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי עֶר וָואלְט גֶעװען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער חֲסִידוּת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַזוֹי וִוי עֶר װייסְט גָארְנִישְׁט װער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הַאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פוּן אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז סְ'פַּאסְט פַאר אַזַא עֶרְלִיכֶער הֶערְשֶׁער זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן וִוי אַ חָסִיד אוּן אַן עָנָיו, אוּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף צָרוֹת יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תְּהִלִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אוֹיבּ װעסְטוּ קֶענֶען דָא זָאגְן תְּהִלִים מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, אִין פָארְנְט פוּן אַלֶע אִינְגֶעלַייט דָא, װעל אִיךְ זֶען אַז דוּ הָאסְט טַאקֶע נִישְׁט קַיין גַאֲוָה אִין דִיר", אוּן דֶער מָסוּר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן דָארְט תְּהִלִים, אוּן סְ'אִיז אִים גֶערִינֶען טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן.

שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער מָסוּר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אָבֶער עֶר הָאט וַוייטֶער אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט זַיין רִשְׁעוּת אוּן גֶעשְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים בַּיי אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן שְׁטָאט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיבּ סְ'קוּמֶען נִישְׁט אָן קַיין מְשׁוּלָחִים פוּן חוּץ לָאָרֶץ, וַוייל דָאס אִיז גֶעװען זַיינֶע מְסִירוֹת אַז מְ'בְּרֶענְגְט אַרַיין גָאר אַסַאךְ גֶעלְט פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָבֶער דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק קַיין חֵיפָה, אוּן עֶר הָאט דָארְט אָפְּגֶענוּמֶען דָאס גֶעלְט פוּן דִי מְשׁוּלָחִים אוּן עֶס גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף טְבֶרְיָה, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן אוֹיסְצוּטֵיילְן.

װען דֶער מָסוּר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת הָאט עֶר שְׁטָאלְצִירְט אַז עֶר װעט נָאךְ אָפְּטוּן אַסַאךְ רִשְׁעוּת פַאר דִי אִידְן, אָבֶער צוּם סוֹף אִיז עֶר נָאכְאַמָאל קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעװען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זְכוּת צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן אִין שְׁטָאט, אוּן װען דֶער עוֹלָם אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין מַאן זָאל אַהֵיימְקוּמֶען צַייטְלִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת.

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן עֶטְלִיכֶע פִּיצְלֶעךְ קִינְדֶער, אוּן אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז לֵיידֶער נִישְׁט גֶעזוּנְט ל"ע. מַיין מַאן בְּרֶענְגְט ב"ה פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַלֶעס פָּארְט מִיט אַ סֵדֶר ב"ה.

מַיין מַאנְ'ס אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ אִיז נִישְׁט צוּ וַוייט פוּן אוּנְזֶער הוֹיז, נִישְׁט צוּ לַאנְג אַהֵיים צוּ שְׁפַּאצִירְן, עֶר הָאט אָבֶער אַ אִיד וָואס אַרְבֶּעט מִיט אִים וָואס קֶען אִים אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען מִיט זַיין קַאר אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער פוּן װען עֶר דַארְף אַהֵיימְקוּמֶען, אוּן מַיין מַאן כַאפְּט זִיךְ כְּסֵדֶר צוּ צוּ דֶעם, אוּן עֶר וַוארְט אַן אִיבְּרִיגֶע שָׁעָה בַּיי דִי אַרְבֶּעט, צוּ קֶענֶען קוּמֶען מִיט דִי קַאר.

אִיךְ װער מַמָּשׁ צֶערִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אִינְדֶערְהֵיים, אִיךְ דַארְף לוֹיפְן פוּן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן דִי גַאנְצֶע צַייט, אוּן אִיךְ וַוארְט שׁוֹין קוֹים אַז עֶר זָאל אַהֵיימְקוּמֶען פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן צוּלֵייגְן אַבִּיסְל אַ הַאנְט, אָבֶער כִּמְעַט יֶעדְן טָאג קוּמְט עֶר אָן אַ שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער, מִיטְ'ן זֶעלְבְּן תֵּירוּץ אַז עֶר הָאט גֶעוַוארְט פַאר דִי קַאר.

אִיךְ הָאבּ ב"ה גוּטְהַארְצִיגֶע שְׁכֵנִים וָואס לֵייגְן צוּ אַ הַאנְט אַבִּיסְל, אָבֶער רוֹב צַייט דַארְף אִיךְ אַלֵיין זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי אַז מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט וִוי שְׁװער אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הַאלְט אַז אִיךְ טְרַייבּ אִיבֶּער אוּן סְ'אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז אִיךְ שְׁטְרֶענְג זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּער אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעבֶּעטְן מִיט גוּטְנְס אוּן מִיט טְרֶערְן, אָבֶער עֶס בְּלַייבְּט וַוייטֶער בַּיים אַלְטְן. אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א װעט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אָדָר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיװ.

אַ פְרוֹי אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ אַ רָב פַארְלַאנְגֶען אַ גֶט, זִי וִויל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִיר מַאן; הָאט דֶער רָב אִיר גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס זִי וִויל זִיךְ גֶטְ'ן פוּן אִים, הָאט זִי גֶעזָאגְט: "מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים זֵייעֶר שְׁפֶּעט, אִיךְ דַארְף אַלֵיינְס זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרָאבִּירְט אָבֶער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין, אִיךְ וִויל אַ גֶט", זָאגְט אִיר דֶער רָב מִיט גְרוֹיס חָכְמָה: "אַז דוּ װעסְט זִיךְ גֶטְ'ן װעט עֶר נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען פְרִיעֶר, עֶס װעט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן".

דִי מַעֲשֶׂה זֶעט אוֹיס וִוי אַ וִויץ אָבֶער אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין לִיגְט אִין דֶעם זֵייעֶר אַ טִיפֶע חָכְמָה, אַ מֶענְטְשׁ וִויל אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען לוֹיפְט עֶר אַרַיין אִין טִיפֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אַז עֶס אִיז שְׁװער װען דֶער מַאן קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט װעט דָאךְ זִיכֶער זַיין שְׁװערֶער װען עֶס װעט בִּכְלַל נִישְׁט זַיין קַיין טַאטֶע אִין שְׁטוּבּ, אַז יֶעצְט אִיז שְׁװער מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דִי װירְטְשַׁאפְט אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים שְׁפֶּעט, וָואס װעט זַיין אָן אַ מַאן, אָן אַ טַאטֶע? װעט דָאךְ זַיין גָאר בִּיטֶער.

אַז אִיר װִילְט טַאקֶע אַן עֵצָה זָאלְט אִיר אַרַיין נֶעמֶען בַּיי זִיךְ וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דֶער סוֹד פוּן הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אִיז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן קָאפּ אוּן זוּכְן צוּ "זַיין קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וִוי מֶען קֶען זַיין קְלוּג. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶּהֶרְסֶנּוּ", אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט.

װען מֶען הֶערְט אֵייעֶר זַייט וָואס אִיר דֶערְצֵיילְט זֶענְט אִיר הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט, אָבֶער דָא דַארְף מֶען אַבִּיסְל חָכְמָה, אַבִּיסְל שֵׂכֶל; אַז אִיר װעט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אֵייעֶר מַאן, אִיר װעט אִים אָפְּוַוארְטְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אִים אוֹיפְנֶעמֶען וַוארֶעם וְכוּ', װעט אִיר זֶען וִוי עֶס װעט זִיךְ טוֹישְׁן, סַיי בַּיי אַייךְ אוּן סַיי בַּיי אִים, קוֹדֶם בַּיי אַייךְ װעט זִיךְ טוֹישְׁן אַז אִיר װעט נִישְׁט זַיין בְּכַעַס, אִיר װעט זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיף דָאס

<<<<<<




BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 347-509-4908**

>>>>>>

בִּיסְל וָואס עֶר אִיז יָא אִין שְׁטוּב, אוּן בַּיי אִים וֶועט זִיךְ אוֹיךְ טוֹישְׁן, עֶר וֶועט לִיבּ הָאבְּן אַהֵיים צוּ קוּמֶען, עֶר וֶועט אַהֵיים קוּמֶען גְּלַייךְ נָאךְ אַרְבֶּעט.

עֶס וֶועט אַייךְ זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ טוּן, בִּפְרַט וֶוען אִיר הָאט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אִין אֵייעֶר הַארְץ אַנְטְקֶעגְן אִים וְכוּ׳, וְכוּ׳; מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר פוּן אֵייעֶר זַייט זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, זַייטְס וַוייטֶער וַוארֶעם צוּ אִים אוּן וַוארְטְס אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ׳. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן אִיר מַאן לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וַוארְטְס אוֹיס אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אוּן אַנְטְלוֹיפְטְס נִישְׁט. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ – וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חַבֵר – וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר. גֶעדֶענְקְט, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ ׳שְׁפִּיגְל׳, אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ ׳שְׁפִּיגְל׳, זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים וַוייזְט יֶענֶער צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים. דֶערְפַאר, זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר הַאלְטְס פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: ״זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט״, אִיר זָאלְט זַיין דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער אוּן רֶעדְט שֵׁיין.

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ קַיין קְרִיטִיק – בִּפְרַט קְרִיטִיק פוּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אֵייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, אִיר וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, וַוייל דִי נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס, מֶענֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ זַיין דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים וְכוּ׳, זֵיי ווִילְן נִישְׁט אַז דִי וַוייבּ זָאל זֵיי אַרַיין זָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אֵייעֶר מַאן שֵׁיינֶערְהֵייט, גֶעבְּט אִים דֶעם כָּבוֹד, נִישְׁט מִיט אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן גֶערֶעגְטְקֵייט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): ״מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה״, אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל נֶעמְט אַוֶועק צָארְן; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אֵייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס אִיר זָאגְט, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אוֹיפְרֶעגְן אוּן צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אוּן עֶס קֶען נָאךְ גֵיין וַוייטֶער, אַז עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן אָדֶער גָאר הֵייבְּן הֶענְט.

אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט מִיט שֵׁיינֶעם; עֶס אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען אַז עֶס אִיז וָואר וָואס אִיר זָאגְט וַוייל מִיט שֵׁיינֶעם פּוֹעֶלְ׳ט מֶען, קֶען זַיין אַז אִיר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן שֵׁיין אָבֶּער אָן סַבְלָנוּת, אָן גֶעדוּלְד, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׁיין אוּן מֶען הָאט גֶעדוּלְד קֶען מֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן נַאטוּר, מֶען קֶען אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מֶענְטְשׁ אִים צוּ מַאכְן גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע״ח)

### די חתונה לאדענונג וואס הענגט אין שול, און שפּאָרט פאר די מחותנים אסאך געלט, צייט, און כח




# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## עס קומט די צענטע חתונה אין בית המדרש

דעם קומענדיגן דינסטאג ויקהל-פקודי וועט אי״ה פארקומען די צענטע חתונה בהיכל הבית המדרש, וואס וועט "גארנישט" קאסטן פאר די מחותנים, אזוי ווי ביי די אלע פריערדיגע חתונות אין ישיבה.

עס וועט גיין אונטער די חופה החתן יחזקאל בן מוה״ר אלימלך שארף שליט״א, חתן הרה״צ ר׳ יצחק לעסער שליט״א, עב״ג בת מו״ה עזרא בוים הי״ו בן הרה״צ ר׳ דניאל שליט״א.

עס דערפרייט דאס הארץ צו זען ווי תלמידי היכל הקודש האבן דעם קאפ אויפ׳ן פלאץ, זיי זוכן נישט אויסגעבן טייער אידיש געלט פאר נארישע כבוד המדומה, זיך איינצורעדן אז איינער קוקט עס בכלל ארויף, נאר מ׳מאכט חתונה אויפ׳ן פשוט׳סטן און ביליגסטן אופן, בלויז ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן אז מ׳דארף חתונה מאכן די קינדער.

ווי מ׳האט שוין געזען ביי די פריערדיגע חתונות אין בית המדרש, זענען די חתונות געווען גאר גאר פרייליך, מ׳האט געטאנצן און משמח געווען אויף גאר א שטארקן פארנעם, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז די אלע איבריגע נארישקייטן אויף וואס מענטשןווארפן געלט אין מיסט, העלפן בכלל נישט ארויס צו די שמחה. די איינציגסטע זאך וואס האט געפעלט ביי די חתונות איז נאר געווען די חובות.

די מחותנים געבן איבער אז זיי האבן נישט געדרוקט און נישט געשיקט קיין חתונה בריוולעך, ווער עס וויל קען ארויפקומען אנוואונטשן מזל טוב און זיך מיטפרייען (בייגעלייגט איז די חתונה בריוול וואס הענגט אין שול).

די **באווארפן** וועט פארקומען דעם שבת קודש פ׳ כי תשא אין בית המדרש "היכל הקודש" ברסלב אין בארא פארק .1011 41 St, און די **חתונה** וועט פארקומען דינסטאג נאכמיטאג אין ישיבה אין וויליאמסבורג.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

***

## פרייליכע פורים טעג אין ישיבה

אום פורים נאכמיטאג זענען זיך אנשי שלומינו צוזאם געקומען צו די סעודת פורים בהיכל הישיבה, נאך די סעודה האט מען ארויסגעלאזט אין פייערליכע טענץ בתופים ובמחולות, און געדאנקט דעם אייבערשטן אויף אלע זיינע חסדים, בימים ההם – וואס מיר זענען ניצול געווארן פון המן הרשע, און מקבל געווען די תורה פון פריש – "קימו וקבלו היהודים". ובזמן הזה – אז מיר האבן זוכה געווען צו וויסן פונעם הייליגן רבי׳ן, וואס לערנט אונז שטענדיג אנצוהייבן פון פריש, זיך נישט לאזן פארפירן פונעם יצר הרע, נאר שטענדיג נאכאמאל צוריק קומען צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צום אייבערשטן, און אזוי וועלן מיר זיכער שטענדיג מצליח זיין.

א גרויסער עולם אנשי שלומנו זענען זיך צוזאם געקומען פון נאנט און ווייט זיך צו פרייען אינאיינעם, און מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף האט מען זיכער גע׳פועל׳ט ישועות און רפואות פאר די גאנצע יאר.

**והימים האלה נזכרים ונעשים!**

***

## בחורי הישיבה שיין אויפגענומען בעצם יום הפורים

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן זענען די בחורים פון ישיבה אויך דאס יאר ארומגעגאנגען אום יום טוב פורים צו די נדיבים בעם, צוזאמנעמען באשטייערונגען פאר די הייליגע מוסדות.

די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס פרייד, וויסענדיג פון וועלכע ישיבה עס האנדלט זיך, א ישיבה וואו די בחורים לעבן מיטן אייבערשטן, א ישיבה וואו יעדער בחור לערנט יעדן טאג בהתמדה רבה, בחורים וואס זענען אויסגעצייכנט מיט יראת שמים, מדות טובות, און איידלקייט, וואס מען טרעפט זעלטן.

עס זענען צוריק געהערט געווארן גאר גוטע גריסן, ווי די חשובע נגידים האבן גאר שטארק הנאה געהאט, עס האט זיך שטארק אנגעזען די דרך ארץ און איידלקייט פון די בחורים, און זיי האבן זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים. מיט׳ן אייבערשטנ׳ס הילף איז עס אריבער מיט גאר גרויס הצלחה, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

**ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר!**


## ווערט געהאלפן!

הערט פילע פערזענליכע ישועות פון מענטשן וואס זענען געהאלפן געווארן דורכ׳ן בעטן דעם אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך

קול ברסלב

212-444-9191

1, 7, 1

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי׳ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908


### על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**מוה״ר אלימלך שארף שליט״א**
**צו די שמחת החתונה פון זיין זון**
**החתן יחזקאל הי״ו עב״ג למזל טוב**

***

**החתן אברהם ראטענבערג הי״ו**
**צו זיוו שמחת החתונה עב״ג למזל טוב**


**קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפּיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**